# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:58
מוצאי שב"ק..................8:30

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................ישעי' ד'-ה'
בבלי......................סנהדרין ק"ב
ירושלמי...........מועד קטן ט"ו
תוספתא....................יבמות ו'
רמב"ם........................כלים כ"ב

פרשת פקודי, שבת החודש, מברכים חודש ניסן, שנת תשפ"ה לפ"ק
*שנה 14, גליון 26 (694)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן יוֹמָם וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם,** אַ וָואלְקְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶערוּעֶט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,** אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק,** זֶענֶען דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער **וּמֹשֶׁה,** דָאס אִיז דֶער דַעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, **נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל,** גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,** אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט, וָואס מִיט דֶעם קֶען אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן פוּן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. אֲפִילוּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַלֶע סָארְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס אִים גֵיין שְׁוֶוער, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן, עֶס אִיז נָאר אַ נֶעפְּל, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל, וֶועט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס קֶען זַיין מְרוּמָּז אִין דֶעם פָּסוּק אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, **כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן,** דֶער מִשְׁכָּן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער פְּלַאץ וואוּ דִי שְׁכִינָה הָאט גֶערוּעֶט, פוּן דָארְט הָאט אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ וָואלְקְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס אַלְץ, אֵיידֶער מֶען ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ הֵיילִיגֶע אוּן גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין אַ טוּנְקֶעלֶע וָואלְקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז, **וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ,** אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נַאכְט אוּן טוּנְקְל, בְּרֶענְט אָבֶּער דָאס פֵייעֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעוֵוייניג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי מְנִיעוֹת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, **לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם,** סֵיי וואוּ אַ אִיד פָּארְט נָאר, סֵיי וֶועלְכֶע וֶועג עֶר אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען בִּיז יֶעצְט, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג פַאר אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פְּקוּדֵי תשס"ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ

וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, מֶען בֶּענְטְשְׁט שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶּער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אֵייעֶר חֲלִישׁוּת הַדַּעַת קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אִיר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן וְכוּ'; וִויפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אוּן וִויפִיל אִיךְ רֶעדְט צוּ אַייךְ אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף אֵייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיר הָאט – פַאלְט אִיר צוּרִיק אוּן אִיר קוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, אוֹיף אַייעֶרֶע גֶעשְׁוְוִיסְטֶער אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס וַוארְפְט אַייךְ אַזוֹי אַרָאפּ אִין עַצְבוּת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

הֶערְט אוֹיף קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן וִוי דֶער תַּם וָואס הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה צוּ טוּן מִיט מִיר? וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶערֶע לֶעבְּן וִוי דֶער חָכָם. אֱמֶת, אַז בֵּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָא מֶער דִי זַאךְ פוּן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֵין אִשָּׁה מִתְקַנְּאָה אֶלָּא בְּיֶרֶךְ חֲבֶרְתָּהּ", אַ פְרוֹי וֶוערְט צֶעשְׁפִּילְט דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף אִירֶע חַבְרְ'טֶעס; אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶער וֶועג פוּנֶעם תַּם, זוּכְן דָאס גוּטְס בֵּיי זִיךְ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס טוּט זִיךְ בֵּיי אַנְדֶערֶע, אוּן אֲפִילוּ בֵּיי רוּחְנִיּוּת, אַז מֶען זֶעט אַנְדֶערֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ, אַנְדֶערֶע מַאכְן אַזוֹי, אַנְדֶערֶע טוּעֶן בֶּעסֶער - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען 'דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה', דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ וָוארְט זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ שְׂ'כֹחַ גֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן זוּכְן יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן.

אַז אִיר וֶועט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פִּינְטְל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אָדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְף דַיין וַוייבּ, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר אוֹיסְהֶערְן, וַוייל דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט כֹּחַ פַאר דִי פְרוֹי, וֶוען זִי שְׁפִּירְט אַז דֶער מַאן הֶערְט אִיר אוֹיס אוּן אִיז אִיר מַחְשִׁיב.

זֶע אִין דִי טֶעג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זוּךְ נִישְׁט קֵיין חוּמְרוֹת, זוּךְ נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת, זוּךְ וִוי דוּ קֶענְסְט מֶער זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָּם חוּמְרוֹת, אָבֶּער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִידּוּרִים וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי׳ וְכוּ׳", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵּק זַיין אָן קֵיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳ אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קֵיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?׳ דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קֵיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער, וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קֵיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קֵיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵויס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אַלֵיין".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנֵייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנֵייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי׳ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו׳) אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי׳ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידּוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידּוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָּל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה׳, וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה׳ דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נַיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימּוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי׳ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען וִוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אוֹיךְ גְעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גְעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קצח)

**תרסט**

עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ "מִכְתָּב כְּלָלִי", אַן אַלְגֶעמֵיינֶע בְּרִיוו פַּאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם פִילֶע קַאפִּיֶעס אוּן עֶס אַרוּמְגֶעשִׁיקְט צוּ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע גֶעגְנְטֶער.

אִינֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז עֶר וִויל לָאזְן וִויסְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶר הָאט זִיךְ פַארְ'מִיאוּסְ'ט אִינֶעם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ דִי פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס עֶר אִיז דָארְט אַרִיבֶּער, אוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר גֵיין פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאזֶעצְן פֶּערְמֶענַאנְט אוֹיף אֵיין אָרְט.

אוּן דֶערִיבֶּער, שְׁרַייבְּט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בֶּעט אִיךְ זִיךְ בֵּיי אַייךְ אַז מַיין מִי אוּן פְּלָאג זָאל נִישְׁט זַיין פַאר אוּמְזִיסְט, דָאס אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אַזוֹי סַאךְ פַאר דִי טוֹבָה פוּן אֵייעֶר נְשָׁמָה.

"ה' הַצַדִיק, וַאֲנִי הִרְשַׁעְתִּי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אוּן מַיינֶע מַעֲשִׂים הָאבְּן מִיר פַארְאוּרְזַאכְט דִי פִילֶע יִסוּרִים, מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן דִי מַחְלוֹקֶת אוּן קִטְרוּגִים.

כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר גוּט אַז אוֹיךְ דָאס וָואס אִיךְ הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַייךְ, עֶנְק אַרוֹיסְצוּצִיעֶן פוּן צְווִישְׁן דִי צֵיינֶער פוּנֶעם סַמַךְ מֶם, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר, עֶר הָאט פַארְשַׁארְפְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אוֹיף מִיר.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער אוּן פְרַיינְד, שְׁטַארְקְטְס עֶנְק מִיט יִרְאַת ה', יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיינֶע כֹּחַ אוּן זַיין בְּחִינָה, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פַאר אוּמְזִיסְט מַיין פְּלָאג, אוּן הִיטְס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעלֶערְנְט.

אוּן וִויסְן זָאלְט אִיר, אַז דָאס וָואס אִיךְ בִּין יֶעצְט וַוייט פוּן עֶנְק, אִיז דָאס נָאר דִי גוּפִים וָואס זֶענֶען וַוייט, אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט.

מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער אוּן פְרַיינְט! אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז דִי דָאזִיגֶע רֵייד וָואס אִיךְ בֶּעט זִיךְ בֵּיי אַייךְ זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן טָאג אוּן נַאכְט.

אִיךְ וִויל אַייךְ לָאזְן וִויסְן אַז יֶעצְט בִּין אִיךְ אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, אוּן אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן דָא פַאר בְּעֶרֶךְ דְרֵיי חֳדָשִׁים.

אַזוֹי שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אֵייעֶר לִיבֶּער פְרַיינְט, אִיךְ שְׁרַייבּ מִיט טְרֶערְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אִין הַארְץ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוּן וָואגְלֶענִישְׁן.

**נַחְמָן בֶּן מוֹרֵינוּ הָרַב שִׂמְחָה יצ"ו**

אִיךְ וִויל אַייךְ לָאזְן וִויסְן אַז אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעזוּנְט, אָן צוּ עוֹסֵק זַיין אִין גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע רְפוּאוֹת.

**נַחְמָן הַנַ"ל**

**תרע**

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט אִין שְׁטָאט מָאהְלוֹב בֵּיי זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעבֶּענְקְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, סְפֶּעצִיעֶל אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִינְדֶערְהֵיים.

אִין דִי צַייט וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בֵּיי זַיין גְרוֹיסְן שְׁוֶוער, דֶער גָאוֹן וְצַדִיק הרה"ק רֶבִּי דָוִד צְבִי זַ"ל, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעדִינְט דֶעם

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מִתְבּוֹדֵד זַיין בֵּיי דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, אִינְמִיטְן טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט? צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מֶען וַואשְׁט דִי שְׁטִיבֶּער אוּן מֶען וַואשְׁט דִי גֶעשִׁיר, אָדֶער אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ג אָדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דִי צַייט וָואס מֶען רֵיינִיגְט דִי שְׁטוּבּ וְכוּ', דָאס הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיפְדֶערְנַאכְט וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן - זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו): "**שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת**", אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת, "**וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה**", אוּן מִיט דֶעם זָאל מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצְן טָאג, "**אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת**", אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן, "**עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת**", דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, "**כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד**", וַוייל דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט, "**אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּה', וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת**", אָבֶּער וֶוער עֶס וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "**רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת**" זָאל אַ גַאנְצְן טָאג עוֹסֵק זַיין אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כא): "**וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ**", הַלְוַאי וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג גֶעדַאוֶוענְט, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין? אַמֶער מֶען דַארְף דָאךְ עֶסְן, אוּן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן וְכוּ', אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ אַ גַאנְצְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען מֶען אַרְבֶּעט - אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיים אַרְבֶּעטְן, אוּן וֶוען מֶען עֶסְט - אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיים עֶסְן, מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוען מֶען קֶען נָאר - נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים גֵיין אוּן קוּמֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, אַלֶעס גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען מַאכְט מִיט דִי לִיפְּן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי קֶען מֶען טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווִילְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצְן טָאג.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז בַּיים רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ אוּן בַּיים רֵיינִיגְן דִי גֶעשִׁיר - רֶעדְסְטוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ זִינְגְסְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "**שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים**", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, "**וְאָמְרוּ שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם**", זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, "**כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיָן פְּרַאסְטִיק**", נָאר דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**", זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם**", אוּן נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, ווָאוֹיל אִיז זֵיי.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ה)

אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ חַיוּת אוּן אַ בְּרֶען אַזוֹי וִוי דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵשֶׁק אוּן חַיוּת אוּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, אוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁוֶוער אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יִשְׂרָאֵל שׁוֹחֵט.

ר' יִשְׂרָאֵל שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ פִילֶע גְדוֹלֵי תּוֹרָה זִיךְ מְפַלְפֵּל צוּ זַיין מִיט זֵיי אִין עִנְיָנֵי שְׁחִיטָה, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מַחְמִיר.

עֶר הָאט גֶעוֵוײלְט אוֹיף שַׁבָּת בֵּיי דֶעם גָאוֹן וְצַדִיק ר' דָוִד צְבִי, אוּן זֵיי הָאבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט גֶערֶעדְט אִין לֶערְנֶען וִוי דִי סֵדֶר פוּן לַמְדָנִים.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שׁוּל, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן גֵייט אַרַיין אִין אַ צִימֶער אוּן עֶר זִינְגְט דָארְט "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם", אוּן דֶערְנָאךְ זָאגְט עֶר דִי "רִבּוֹן כָּל עוֹלָמִים" מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן דֶערְנָאךְ זִינְגְט עֶר "אֵשֶׁת חַיִל" מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נִיגוּן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט ר' דָוִד צְבִי גֶעוַוארְט אוֹיף אִים מִיט קִידוּשׁ.

ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט פַארְוָואס ר' דָוִד צְבִי וַוארְט מִיט קִידוּשׁ אוֹיף רֶבִּי נָתָן, וַוייל אִין זַיינֶע אוֹיגְן אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ גֶעוֶוען גָאר מָאדְנֶע, הָאט אִים ר' דָוִד צְבִי גֶעזָאגְט, "עֶר מֵיינְט עֶס גַאלֶע [זֵייעֶר] עֶרְנְסְט", דָאס הֵייסְט אַז זַיין אֵיידֶעם מֵיינְט עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁפֶּעטֶער בֵּיי דִי סְעוּדָה, וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען מִיר ר' דָוִד צְבִי, הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיךְ אַרַיינְגֶערֶעדְט אִינֶעם שְׁמוּעֶס, אוּן דֶעמָאלְט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ אַ לַמְדָן.

נָאךְ שַׁבָּת, וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט ר' דָוִד צְבִי, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֶעזֶעגֶענֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען. וֶוען עֶר גֶעפְרֶעגְט ר' דָוִד צְבִי וואוּ זַיין אֵיידֶעם אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מִסְתָּמֶא דַאוֶוענְט עֶר נָאךְ לַאנְג אִינֶעם חַסִידִישְׁן שְׁטִיבְּל, אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען.

וֶוען עֶר אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טִיר פוּנֶעם שׁוּל וואוּ רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעדַאוֶוענְט, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט תְּהִלִים מִיט אַ זִיסֶע הַארְצִיגֶע שְׁטִימֶע, מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע כַּוָונָה אוּן דְבֵיקוּת, הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטֶערְן אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט.

דַאן אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן פוּן זַיינֶע זַאכְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער זַיינֶע זַאכְן. סְפֶּעצִיעֶל אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דִי צַייט וֶוען יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ צוּזַאם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז פַּאסִיג אַז עֶר זָאל אוֹיךְ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ דַארְף נָאךְ פָּארְן צוּ אֵיין רָב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן דֶערְנָאךְ זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִיךְ וֶועל פָּארְן צוּ אֵייעֶר רֶבִּי קֵיין זַאסְלַאב".

רֶבִּי נָתָן הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין אִים אַזוֹי שְׁטַארְק דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶס עֶר הָאט שׁוֹין אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר בֶּענְקֶן אוּן גְלוּסְטְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוּן אִים נָאכְקוּקְן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "יציקת הבורות" ביים נייעם בית המדרש אין שטעטל

געלויבט דעם אייבערשטן אז די ארבעט צו בויען דעם נייעם שול אין קרית ברסלב ליבערטי גייט גאר שנעל, מען בויעט צו א שיינעם נייעם גרויסן שול צו די עקזעסטירענדע בית המדרש אויף די האשקי גאס, עס דערקענט זיך די פילע תפילות פון אלע אנשי שלומינו וואס בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל פארן שנעל אן קיין מכשולות, מען זעט א ספעציעלע סייעתא דשמיא, און די ארבעט פארט שנעל און געשיקט, קוים האט מען געמאכט די פלענער, און יעצט האלט מען שוין נאכ'ן גראבן, מען האט שוין געגאסן די יסודות, די ווענט, די אונטערערדישע פלאמבינג, די סלעב פונעם אונטערשטן שטאק, מען האלט שוין טיף אינמיטן די פרעימינג, מען לייגט שוין אפילו די באלקענעס פארן דאך, די דרויסענדיגע סטרוקטור איז שוין כמעט פארטיג.

יעצט איז געקומען די צייט צו גיסן די בורות פאר די מקוה, אין וואס די פילע שטעטל איינוואוינער וועלן זיך מקדש און מטהר זיין טאג טעגליך איידער מען גייט דאווענען, און אום ערב שבת ויום טוב, און צו יעדע הייליגע צייט. דער בוי מייסטער מוה"ר אברהם שבתי מזרחי הי"ו האט אפגעקויפט די זכותים פון די בורות המקוה לע"נ זיינע זיידעס און באבעס, מען בויעט בעז"ה דריי בורות, איין בור איז נתנדב געווארן לע"נ ר' חיים ב"ר יעקב וזוגתו סאסא בת ר' יעקב ע"ה סאאל, דער צווייטער בור איז נתנדב געווארן לע"נ ר' משה ב"ר נסים יוסף וזוגתו רינה בת ר' רחמים ע"ה דאנא, און די דריטע בור איז לע"נ ר' דוד ב"ר שבתי וזוגתו פלורה בת ר' יצחק ע"ה מזרחי.

די גאנצע פראצעדור איז דורכגעארבעט געווארן דורך די תלמידי חכמים די לומדי הכולל וואס זענען בקיאים אין די שווערע קאמפליצירטע הלכות מקוואות, וואס האבן אויסגעקנאטן און דורכגעטון דעם גאנצן סוגיא און זיכער געמאכט אז עס ווערט געבויעט על פי הלכה ובהידור רב. יעצט ווען מען האט שוין געהאלטן דא איז דער ראש ישיבה שליט"א מיט די תלמידי חכמים פונעם כולל אראפגעקומען פערזענליך מיט צו האלטן ווי מען פירט אויס די ארבעט אויפ'ן ריכטיגן וועג.

דער נדבן מו"ה אברהם שבתי הי"ו מיט זיינע קרובים, בראש פון זיינע חשובע עלטערן שיחיו, זענען געקומען מיטהאלטן דעם פרייליכן מאמענט ווי מען גרייט זיך צו בויען א מקוה און האבן די זכיה אז א מקוה וועט זיין לעילוי נשמת פון די חשובע עלטערן נ"ע.

ווען מען האט געענדיגט גיסן האט מען געשטעלט לחיים אויפ'ן טיש, מען האט זיך אראפ געזעצט און מען האט געזינגען עטליכע פרייליכע ניגונים לכבוד דעם געלעגנהייט, און דער ראש ישיבה שליט"א האט איבערגעלאזט דברי חיזוק פאר אלע פארזאמלטע.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אבא חייא רייזמאן** הי"ו בני ברק
מלמד מומחה אין אונזערע הייליגע מוסדות
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **הערשל בוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון צווילינג אינגלעך למזל טוב

***

מו"ה **יואל שעכטער** הי"ו בני ברק
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **יהודה** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **דוד יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו יבנאל


## יום טוב פסח

שיעורי התחזקות, שיעורי תורה, שיעורי הלכה, הגדה, מעשיות פאר קינדער, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב פסח

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**